# דעם רבינ'ס ליכט

בהר תשפ"ד
גליון 191



**אַײעֶרעֶ קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## אַרָאפּ מִיטְן שְׁטֵיין!

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין פַאר דִי גְרוֹיסֶע חֲתוּנָה – דִי הִלּוּלָא קַדִּישָׁא, פוּנֶעם הֵייליִגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי. וֶוער קֶען זִיךְ דֶערְוַוייגְן צוּ שְׁרֵייבְּן און אַרוֹיסְגֶעבְּן אֲפִילוּ אַ בְּרֶעקְל פוּן זַיין גְרוֹיס קְדוּשָּׁה, זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם צוּם בַּאשֶׁעפֶער, זַיינֶע הֵייליִגֶע מִדּוֹת טוֹבוֹת. און פוּן זַיין שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה וָואס דֶער גְרוֹיסֶער תַּנָּא הָאט גֶעהַאט בַּיי יֶעדֶע מִצְוָה וָואס עֶר הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶועןְ.

וֶוער רֶעדְט פוּן זַיין אַהֲבָה, דָאס לִיבְּשַׁאפְט וָואס עֶר הָאט צוּ יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אִיד פוּן עַם יִשְׂרָאֵל, פוּן דֶעם גְרֶעסְטְן צַדִּיק בִּיז דֶעם שְׁוַואכְסְטְן נִידְרִיגְסְטְן אִיד. וִויפִיל מֶען וֶועט שְׁרַייבְּן פוּן זַיין גְרוֹיסְקַייט וֶועט זִיכֶער נִישְׁט זַיין גֶענוּג. אָבֶער לָאמִיר נֶעמֶען אֵיין נְקוּדָה פוּנֶעם הֵייליִגְן לֶעכְטִיגְן טָאג ל"ג בָּעוֹמֶר.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, עֶנְק וַוייסְן זִיכֶער אַז אַמָאלִיגֶע צַייטְן וֶוען אַ אִינְגְל הָאט גֶעוָואלְט טְרִינְקֶען וַואסֶער אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְרַאן-וַואסֶער אִין דִי הַייזֶער, דֶער אִינְגְל הָאט גֶעדַארְפְט גֵיין שְׁלֶעפְּן וַואסֶער פוּן אַ בְּרֶונֶעם. עֶס פְלֶעגְט זִיךְ מַאכְן אַז אוֹיפְן בְּרִינֶעם אִיז גֶעלֶעגְן אַ רִיזִיגֶע שְׁטֵיין, וָואס טוּט מֶען דַאן?! דֶער אִינְגֶעלֶע אִיז דָארְשְׁטִיג, עֶס אִיז בִּיטֶער הֵייס אִינְדְרוֹיסְן, עֶר אִיז פַארְשְׁוִויצְט דָאס הַארְץ אִיז אִים פַארְ'חַלְשְׁ'ט, עֶר דַארְף אַבִּיסֶלֶע וַואסֶער, עֶר בֶּענְקְט און גְלוּסְט, אָבֶער עֶס לִיגְט אַ גְרוֹיסֶער שְׁטֵיין אוֹיף בְּאֵר מַיִם!

בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים און שִׁיקְט אַ גְרוֹיסֶער גִּבּוֹר וָואס גִיבְּט זִיךְ גַאנְץ שְׁנֶעל אַן עֵצָה מִיט דֶעם שְׁטֵיין און... דֶער שְׁטֵיין אִיז מֶער נִישְׁט אוֹיף זַיין פְרִיעֶרְדִיגְן אָרְט, דֶער גִּבּוֹר הָאט דָאס מְסַדֵּר גֶעוֶוען, עֶר הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען דֶעם שְׁטֵיין און יֶעצְט אִיז דָא צוּ טְרִינְקֶן וִויפִיל מֶען וִויל!



קִינְדֶער, עֶס אִיז פַארְהַאן אַ 'בְּאֵר מַיִם חַיִּים', אַ בְּרִינֶעם מִיט פְרִישֶׁע לֶעבֶּעדִיגֶע וַואסֶער. קְוַואלְן מִיט טַייכְן וָואס קְוֶועלְן, עֵצוֹת מִיט סוֹדוֹת הַתּוֹרָה וָואס קֶענֶען אוּנְז מְחַיֶּה זַיין און אוֹיפְלֶעבְּן, אוּנְז דֶערְפְרִישְׁן מִיר זָאלְן קֶענֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן פוּל מִיט שִׂמְחָה, אֱמוּנָה, תְּפִלָּה בְּכֹחַ, אַהֲבַת חֲבֵרִים, מִדּוֹת טוֹבוֹת א.א.וו.

אָבֶער... אָבֶער וָואס?! וָואס הַאלְט אוּנְז צוּרִיק?! סְ'אִיז דָא אַ שְׁטֵיין! דָאס אִיז אוּנְזֶער הַארְץ וָואס רוּפְט זִיךְ 'לֵב הָאֶבֶן' – דָאס הַארְץ אִיז פַארְשְׁטֵיינֶערְט! מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דִי וַואסֶער, צוּ דֶעם דַּעַת און עֵצוֹת פוּן דִי תּוֹרָה. הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אוּנְז רַחֲמָנוּת גֶעהַאט און אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט צוּ אוּנְז נָאכְן חוּרְבָּן פוּן צְוֵוייטְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, גָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, וָואס עֶר, מִיט זַיין כֹּחַ קֶען אַרָאפְּנֶעמֶען דָאס שְׁטֵיין פוּן אוּנְזֶער הַארְץ, מִיר זָאלְן קֶענֶען שֶׁעפְּן וַואסֶער פוּנֶעם בְּאֵר מַיִם חַיִּים.

דוּרְךְ אוּנְז מְגַלֶּה זַיין אַז מִיט אוּנְזֶער הִשְׁתּוֹקְקוּת, דִי

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

בֶּענְקֶענִישְׁן און גְלוּסְטֶענִישְׁן מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת זִיךְ צוּ צִיעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער און אַייְנְהַאלְטְן זַיין תּוֹרָה מִיט דֶעם וֶוערְן מִיר נָאנְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם טָאג ל"ג בָּעֹמֶר, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק בַּיי יַעֲקֹב אָבִינוּ זָאגְט "וַיָּגֶל אֶת הָאֶבֶן מֵעַל פִּי הַבְּאֵר וַיַּשְׁקְ אֶת צֹאן..." יַעֲקֹב אָבִינוּ מִיט זַיין גְרוֹיסְן כֹּחַ בְּגַשְׁמִיּוּת און בְּרוּחָנִיּוּת הָאט גֶעקֶענְט אַרָאפְּנֶעמֶען דָאס שְׁטֵיין פוּנֶעם בְּרִינֶעם, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז רַבִּי שִׁמְעוֹן מִיט זַיין כֹּחַ מְגַלֶּה טִיפֶע עֵצוֹת פוּן זַיין בְּרִינֶעם.

יֶעדֶעס יָאר ל"ג בָּעֹמֶר אַנְטְפְּלֶעקְט רַבִּי שִׁמְעוֹן נַייֶע עֵצוֹת, נַייֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין אִידִישְׁקַייט (ליקוטי הלכות הל' דם א' י"ב).

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִיךְ דֶערְמַאנֶען דָאס לֶעצְטֶע יָאר הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיפְן רַבִּי'נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה און מִיר אַלֶע הָאבְּן גֶעהַאט גְרוֹיסֶע נִסִּים אַז וֶוער עֶס הָאט נָאר גֶעוָואלְט פָארְן אִיז גֶעפָארְן. אַזוֹי אוֹיךְ דָאס יָאר דַארְף מֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים אַז אַלֶע אִידְן ווֶעלְכֶע ווִילְן פָארְן קַיין מִירוֹן אוֹיף ל"ג בָּעֹמֶר זָאלְן קֶענֶען זַיין דָארְטְן אוֹיפְן בֶּעסְטְן און שֶׁענְסְטְן אוֹפָן אַזוֹי וִוי רַבִּי שִׁמְעוֹן ווִיל, אַז אַלֶע זַיינֶע בַּאלִיבְּטֶע קִינְדֶערְלֶעךְ זָאלְן זִיךְ מִיטְפְרֵייעֶן מִיט זַיין שִׂמְחָה.

דֶערְפַאר קִינְדֶער, עֶנְק הָאבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגְן כֹּחַ צוּ פּוֹעֶלְ'ן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין אַ שֵׁיינֶע הִלּוּלָא וואוּ אִימֶער אִידְן ווֶעלְן פְרַאוֶוען דִי הִלּוּלָא. ווַאוּיל אִיז דֶער חֵלֶק פוּן דֶעם אִינְגְל וָואס ווֶעט נֶעמֶען אַ טֵייל אִין תְּפִלּוֹת וְהִתְבּוֹדְדוּת, אָדֶער זָאגְן תְּהִלִּים צוּם בַּאשֶׁעפֶער, און גְלֵייבְּן אַז יֶעדֶע קְלֵיינְטְשִׁיגֶע תְּפִלָּה פּוֹעֶלְ'ט גָאר שְׁטַארְק.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דִי לִיכְטִיגֶע תּוֹרָה פוּן דִי צַדִּיקִים זָאל אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת און דוּרְךְ דֶעם ווֶעט נִשְׁפַּע וֶוערְן אַסַאךְ שֶׁפַע בְּכָל הָעוֹלָמוֹת בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, בִּיז מִיר ווֶעלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אַז דֶער מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ ווֶעט נִתְגַּלֶּה וֶוערְן בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ אָמֵן.



# דעם רבינ'ס משלים

המשך פון די לעצטע זייט

וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֶוערְט עֶס פַארְקֶערְט רַחֲמָנָא לִצְלַן. דֶערִיבֶּער מוּז דֶער צַדִּיק בַּאהַאלְטְן זַיינֶע טִיפֶערֶע [פְּנִימִיּוּת'דִיגֶע] תּוֹרוֹת און רְפוּאוֹת, אִין אַנְדֶערֶע סָארְט תּוֹרוֹת און צוּמָאל הֶעלְפְט דָאס אוֹיךְ נִישְׁט דַארְף עֶר בַּאהַאלְטְן זַיינֶע תּוֹרוֹת און ווֶעלְטְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת און שְׁמוּעֶסְן און דָארְט בַּאהַאלְט עֶר זַיינֶע רְפוּאוֹת פַארְן קְרַאנְקְן.

אִין דִי תּוֹרָה גֶעפִינֶען מִיר אוֹיךְ אַז דִי תּוֹרָה פַארְצֵיילְט סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת ווַייל מֶען הָאט אִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט אִיבֶּערְגֶעבְּן מִיט אָפֶענֶע ווֶערְטֶער, נָאר גֶעמוּזְט בַּאהַאלְטְן דִי סַם חַיִּים אִין דִי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס ווֶערְן דָארְט דֶערְצֵיילְט.

(ע"פ לקוטי מוהר"ן קס"ד)

# איין מעשה'לע



## אַ נַייעֶ חֵדֶר מִיטְן כֹּחַ פוּן אַחְדוּת

אִין אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה הָאט מֶער גֶעבּוֹיט אַ נַייעֶר בִּנְיָן, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַז אוּנְזֶער כִּתָּה זָאל זִיךְ אַרַיינְצִיעֶן אִין דֶער נַייעֶר אָפְּטֵיילוּנְג וָואס מֶען הָאט צוּגֶעבּוֹיט.




אִיךְ הָאבּ צאמְגֶענוּמֶען מַיינֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲבֵרִים וָואס לֶערְנֶען אִין דֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן צוּזַאמֶען מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז מִיר זָאלְן טַאקֶע קֶענֶען דָארְט אַרַיינְגֵיין אוּן בְּעֶזְר הַשֵּׁם וֶוען עֶס וֶועט גֶעשֶׁעֶן אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיסְהֶערְן אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת וֶועל אִיךְ עֶס אַרַיינְשִׁיקְן דָא אִין 'מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע'!

אַזוֹי הָאבְּן אוּנְז זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן צוּ מִתְפַּלֵל זַיין.

לְמַעֲשֶׂה אִיז אַרִיבֶּער אַפָּאר טֶעג אוּן קוֹדֶם הָאט מֶען אַרִיבֶּערְגֶענוּמֶען אוּנְזֶער כִּתָּה אִינֶעם אַלְטְן בִּנְיָן, אָבֶּער אַ וָואךְ שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן אוּנְז בַּאקוּמֶען דִי פְרֵיילִיכֶע בְּשׂוֹרָה אַז מֶען גֵייט שׁוֹין אַרִיבֶּער גֵיין צוּם נַייעֶם בִּנְיָן!

יִישַׁר כֹּחַ

רְפָאֵל. ב

קִרְיַת יוֹאֵל

# טייערע קינדער

די וואך הייבט מען אן א נייע מעשה.
דער בן המלך און דער בן השפחה שנתחלפו

יעצט אין די וואך פון ל"ג בעומר, כאפ זיך מיט די דיינע חברים וועלכע האבן שוין געמאכט א סיום אויף דער הייליגער ספר סיפורי מעשיות,

יא, די קענסט אויך!!

מאך א נייע התחלה בזכות התנא אלוקי וועסטו אויך זוכה זיין צו האבן א געשמאקן לעבן אין רבינ'ס חדר.



בילד: דאס ארט פונעם אדרא

# דאס פייער

## וואס האט זיך נישט אפגעטון

לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן טָאג ל"ג בָּעֹמֶר, וֶועלְן מִיר אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דֶער מוֹרָא'דִיגֶער הִסְתַּלְּקוּת וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַזֹּהַר אִין דִי חֵלֶק וָואס הֵייסְט "אִדְּרָא זוּטָא". אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר אִיז מְסוּגָל צוּ מַאכְן חֵשֶׁק אוּן גְלוּסְטֶענִיש צוּ אַלֶע סָארְטְן לִמּוּדִים פוּן דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, דֶער הֵיילִיגֶער לָשׁוֹן טוּט זֵייעֶר עֶרְוֶועקְן צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז אֲפִילוּ זָאגְן זֹהַר אָן פַארְשְׁטֵיין אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל.

**תָּאנָא, בְּהַהוּא יוֹמָא דְּרַבִּי שִׁמְעוֹן בָּעָא לְאִסְתַּלְּקָא מִן עָלְמָא, וַהֲוָה מְסַדֵּר מִלּוֹי, אִתְכְּנָשׁוּ חַבְרַיָּא לְבֵי רַבִּי שִׁמְעוֹן, וַהֲווּ קַמֵּיהּ, רַבִּי אֶלְעָזָר בְּרֵיהּ, וְרַבִּי אַבָּא וּשְׁאָר חַבְרַיָּא, וַהֲוָה מַלְיָא בֵּיתָא:**

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט, אַז אִין דֶער טָאג וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעוָואלְט נִסְתַּלֵּק וֶוערְן פוּן דֶער וֶועלְט, הָאט עֶר מְסַדֵּר גֶעוֶוען זַיינֶע רֵייד. דָאס מֵיינְט עֶר הָאט בַּאפוֹילְן זַיינֶע שְׁטוּב מֶענְטְשְׁן, וִוי דֶער סֵדֶר אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ גֵייט פוּן דֶער וֶועלְט. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ מְסַדֵּר גֶעוֶוען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ מְגַלֶּה זַיין אִין דֶעם טָאג.

דִי חֲבֵרִים הָאבְּן זִיךְ פַארְזַאמְלְט אִין רֶבִּי שִׁמְעוֹנְ'ס הוֹיז צוּ הֶערְן פוּן אִים סוֹדוֹת הַתּוֹרָה אוּן צוּ זַיין בִּשְׁעַת עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט. עֶס זֶענֶען דָארְטְן גֶעוֶוען זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר אוּן רֶבִּי אַבָּא אוּן נָאךְ חֲבֵרִים, דִי הוֹיז אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט חַכְמֵי הַדּוֹר וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

זָקִיף עֵינוֹי רַבִּי שִׁמְעוֹן; רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אוּן גֶעזֶען אַז דָאס הוֹיז אִיז פוּל מִיט בַּאזוּכֶער, הָאט עֶר זִיךְ צֶעוֵויינְט פַארְוָואס דִי שְׁכִינָה - וָואס פְלֶעגְט זִיךְ גֶעוֶוענְדְלִיךְ מְגַלֶּה זַיין מִיט פֵייעֶר - הָאט זִיךְ יֶעצְט נִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְט

אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְטְס מְבָרֵר גֶעוֶוען בַּיי אֲחִיָּה הַשִּׁילוֹנִי הַנָּבִיא וואו מַיין פְּלַאץ וֶועט זַיין אִין גַן עֵדֶן,

דֶערְפַאר הָאבְּן אַלֶע גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אָן רְשׁוּת. עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אַן אַנְדֶערְ'ס מָאל וֶוען אִיךְ בִּין קְרַאנְק גֶעוֶוען אִיז רֶבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר מִיר גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן, אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְטְס מְבַרֵר גֶעוֶוען בַּיי אֲחִיָּה הַשִּׁילוֹנִי הַנָּבִיא וואוּ מַיין פְּלַאץ וֶועט זַיין אִין גַּן עֵדֶן, הָאט עֶר צוּגֶעוַוארְט בִּיז יֶעצְט אוּן מֶען הָאט מִיר צוּגֶעגֶעבְּן יָארְן צוּ לֶעבְּן".

וֶוען אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן גַּן עֵדֶן אוּן גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן, אִיז זַייט דֶעמָאלְט אַלֶעמָאל גֶעוֶוען אַרוּם מִיר אַ פֵייעֶר אוּן זִיךְ קַיינְמָאל אָפְּגֶעטוּן, קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְקוּמֶען אִין מַיין שְׁטוּבּ נָאר מִיט רְשׁוּת, יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דָאס פֵייעֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן, דֶערְפַאר אִיז דָאס הוֹיז פוּל מִיט בַּאזוּכֶער.

וִוילַאנְג אַלֶע חֲכָמִים זֶענֶען דָארְט גֶעזֶעצְן הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעעֶפֶנְט זַיינֶע אוֹיגְן צוּ זֶען גֶעטְלִיכֶע מַרְאוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען - דָאס מֵיינְט גִּלּוּי שְׁכִינָה - גְלַייךְ הָאט אַ פֵייעֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען אַלֶע חֲכָמִים וָואס זֶענֶען גֶעזֶעצְן אִין דָאס הוֹיז, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְנֶעמֶען דָאס פֵייעֶר אוּן אַלֶע חֲכָמִים זֶענֶען אַרוֹיס, עֶס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְן נָאר רֶבִּי אֶלְעָזָר אוּן רֶבִּי אַבָּא אַלֵיין, אַלֶע אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים זֶענֶען גֶעזֶעצְן אִינְדְרוֹיסְן אוּן דָארְט צוּגֶעוַוארְט צוּ זֶען וִויאַזוֹי עֶס וֶועט פָארְקוּמֶען דֶער הִסְתַּלְּקוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

**אָמַר רֶבִּי שִׁמְעוֹן לְרַבִּי אֶלְעָזָר בְּרֵיהּ** - רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעזָאגְט צוּ זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר, גֵיי אַרוֹיס אוּן זֶע אוֹיבּ רֶבִּי יִצְחָק אִיז דָא, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ עַרְבוּת אִים

מִיטְצוּנֶעמֶען מִיט מִיר אִין גַּן עֵדֶן, זָאג אִים עֶר זָאל בַּאפֶעלְן (לָאזְן צַוָּאָה) זַיין בְּנֵי בֵּית אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף טוּן פַאר מֶען שְׁטַארְבְּט, דֶערְנָאךְ זָאל עֶר זִיצְן לֶעבְּן מִיר, וַוייל וֶוער עֶס גֵייט אַרַיין אִין מַיין מְחִיצָה הָאט מֶער נִישְׁט קַיין רְשׁוּת אַרוֹיסְצוּגֵיין אוּן עֶר זָאל גָארְנִישְׁט רֶעדְן. וואוֹיל אִיז זַיין חֵלֶק, אַז עֶר אִיז זוֹכֶה מִיטְצוּגֵיין מִיט מִיר אִין גַּן עֵדֶן.

**קָם רֶבִּי שִׁמְעוֹן** - רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן לְכָבוֹד דִי שְׁכִינָה אוּן נְשָׁמוֹת הַצַּדִּיקִים וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעזֶעצְט, גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן זִיךְ גֶעפְרֵייְדְט צוּם אָנְקוּם פוּן דִי שְׁכִינָה. רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען עֶר זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן וֶוען עֶר גֵייט יֶעצְט מְגַלֶּה זַיין דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייְדְט פַאר זַיין חֵלֶק אוּן אַיינְגֶעלַאדְנְט דִי חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ דָארְט גֶעפִינֶען בַּיים אִדְרָא צוּ הֶערְן דִי סוֹדוֹת וָואס עֶר גֵייט מְגַלֶּה זַיין.

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר מְגַלֶּה גֶעוֶוען גֶעוַואלְדִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע סוֹדוֹת.

**אָמַר רֶבִּי אַבָּא:** "דֶער הֵיילִיגֶער לִיכְט - רֶבִּי שִׁמְעוֹן - הָאט נִישְׁט אָנְגֶעיָאגְט צוּ עֶנְדִיגְן דָאס וָוארְט חַיִּים פוּן פָּסוּק "כִּי שָׁם צִוָּה ה' אֶת הַבְּרָכָה", וַוייל פוּן הִימְל הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעהַאלְטֶן פוּן זָאגְן דָאס וָוארְט חַיִּים", זָאגְט וַוייטֶער רֶבִּי אַבָּא: אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט הֶערְן נָאךְ תּוֹרָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן שְׁרֵייבְּן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט גֶעהֶערְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן מַיין קָאפּ צוּ זֶען פַארְוָואס עֶר רֶעדְט מֶער נִישְׁט, וַוייל דָאס

פֵייעֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, בִּיז אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּקְן דָארְט וואו רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען, אִינְצְווִישְׁן בִּין אִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶעשׁוֹידֶערְט גֶעוָוארְן וַוייל אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט א קוֹל פוּן אוֹיבְן וָואס רוּפְט אוֹיס "אֹרֶךְ יָמִים וּשְׁנוֹת חַיִּים וְשָׁלוֹם יוֹסִיפוּ לָךְ", דֶערְנָאךְ אִיז אַרוֹיס נָאךְ אַ קוֹל: "חַיִּים שָׁאַל מִמְּךָ".

בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן טָאג הָאט דָאס פֵייעֶר זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעטוּן, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין אֵיינֶער וָואס זָאל זִיךְ דֶערְוַוייגְן צוּצוּגֵיין זֶען וָואס עֶר גֵייט פָּאר מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן, וַוייל דָאס פֵייעֶר אוּן לִיכְט הָאבְּן גֶעבְּרֶענְט דֶעם גַאנְצְן טָאג.

מִיר זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן פוּן גְרוֹיס צַעַר: אַזוֹי זָאגְט רֶבִּי אַבָּא.

וֶוען דָאס פֵייעֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן הָאבְּן מִיר גֶעזֶען אַז דֶער גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער לִיכְט אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, מִיר הָאבְּן אִים גֶעזֶען אֵיינְגֶעוִויקֶלְט אִין אַ טַלִּית אוּן עֶר הָאט שְׁמֵייכְלְט.

אַסַאךְ תַּלְמִיד חֲכָמִים זֶענֶען אִים גֶעקוּמֶען גֶעבְּן דֶעם לֶעצְטְן כָּבוֹד. עֶס אִיז אַרוֹיס פוּן הוֹיז גָאר שְׁמֶעקֶעדִיגֶע רֵיחוֹת פוּן דִי בְּשָׂמִים פוּן גַּן עֵדֶן וֶועלְכֶע אִיז גֶעקוּמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים פוּן גַּן עֵדֶן וָואס הָאבְּן אִים מְקַבֵּל פָּנִים גֶעוֶוען. עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ קְרִיגֶערַיי צְווִישְׁן דִי גִּבּוֹרִים פוּן צִפּוֹרִי וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעוָואלְט מִיט כֹּחַ אַוֶועקְנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע מִטָּה צוּ זֵייעֶר דֶערְפְל, אוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן מִירוֹן הָאבְּן זֵיי אַוֶועקְגֶעשְׁטִיפְּט אוּן זֵיי אָנְגֶעשְׁרִיגְן.

כְּדֵי אָפְּצוּשְׁטִילְן דִי קְרִיגֶערַייעֶן הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעמַאכְט אַן אָפֶענֶער נֵס אַז דִי בֶּעט פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז אַרוֹיף אִין דִי לוּפְטְן אוּן דִי מַלְאָכִים הָאבְּן דָאס גֶעטְרָאגְן בַּאגְלֵייט מִיט אַ פֵייעֶר זוֹיל. עֶס אִיז דַאן אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס אַלֶע הָאבְּן גֶעהֶערְט: **"עוּלוּ וְאָתוּ וְאִתְכְּנָשׁוּ לְהִילוּלָא דְּרַבִּי שִׁמְעוֹן - קוּמְט אַלֶע זִיךְ פַארְזַאמְלֶען אֲפִילוּ דִי רְחוֹקִים צוּ דִי שִׂמְחָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן!"**

**טרעפ די וועג צו רבי שמעון בר יוחאי אין מירון מיט תפלות און כיסופין**





# עולם-הבא
# ממש א טעם גן עדן.



איינער פון די פלאם פייערדיגע יושבים וועלכער פלעגט אסאך זיצן ביי רבי שמעון'ען איז געווען דער דערהויבענער ברסלב'ער חסיד ר' שמואל הורביץ ז"ע.

לאמיר כאפן א שפאציר און צוזאם קלייבן אביסל פון זיינע זכרונות וואו ער גיבט ארויס זיינע געפילן פון זיינע באזוכן ביי רבי שמעון און זיין נסיעה צו מירון. באשריבן אין זיין ספר ימי שמואל וואו ער אליין האט געשריבן א טאג-בוך פון זיין לעבנ'ס געשיכטע מיט מורא'דיגע געפילן ארום און ארום.

ער דרוקט זיך אויס (ימי שמואל ח"ג י"א) "מען קען זיך בכלל נישט פארשטעלן און ארויסברענגען די התעוררות און ביטול צום אויבערשטן וואס מען באקומט ביי רבי שמעון, מען קען דאס נישט רעכענען און שאצן, אין אפאר טעג וואס איך טוה דארט אין עבודת ה' איז מער פון אפאר חדשים אין שטוב."

די התעוררות וואס בלייבט אין מיין מח יעדן מאל ווען איך פאר אוועק פון דארט ווייל איך ווער דארט איבערגעדרייט צו א אנדער מענטש און איך שפיר אין מיר מיין נידריגקייט און מיין ווייטקייט פון השם יתברך, מיין גאנצע שטרעבן איז צו דאווענען און טון אין עבודת ה'.

אוודאי בין איך זוכה גאר אסאך יעדעס מאל וואס איך בין דארט, בפרט אז איך קען מער ארויס רעדן דבורי התבודדות און תפלה מיט א התעוררות מיט בענקשאפט פון טיפעניש פון הארץ. ביי רבי שמעון ווערט בטל ביי מיר אלע עניני עולם הזה און עס איז ביי מיר א בחינה פון עולם הבא ממש א טעם גן עדן. עס איז דערפאר אוודאי כדאי צו צוברעכן אלע מניעות שבעולם...

ווייטער צושרייבט ער זיך: "והכלל עס איז נישט דא אין די גאנצע וועלט אזא עבודת ה' אזוי ווי אין מירון הקדוש והנורא. הלוואי זאל איך אין עולם הבא האבן נישט ווייניגער חיות ותענוג וואס איך האב יעדן מאל וואס איך בין אין מירון...".

פון די אנדערע זייט מוז מען אבער אויכעט זען דאס וואס ער שרייבט אין א צווייטע פלאץ (אות כ"ב)... "דאס איז שוין לאנג באקאנט אז עס איז זייער שווער... פאר די גוף צו מקבל זיין אויף זיך דעם עול פון עבודת ה', אפילו מען האט דארט כל מעדני עולם און מען איז נישט עוסק בעבודת ה' ווייל ראית פני הצדיק אליין מאכט ריין די בלוט און די גשמיות הגוף... און וועגן דעם שפירט מען נישט די עבודה, פונקט פארקערט עס קוקט אויס אז מען דינט נישט דער אויבערשטן בכלל און

מען איז ווייט פון השם יתברך און עס איז שווער צו פארטראגן צו זיין דארט, און וועגן דעם על פי רוב קומען מענטשן אויף א פאר מינוט און גלייך אנטלויפט מען כאילו מען יאגט ארויס פון דארטן. נאר דער וואס האט גרויס עקשנות עקשנ'ט זיך און האלט זיך אפ דארט... אבער גלייך ווען מען פארט אוועק פון דארט הייבט מען אן זיך בענקען און משתוקק זיין מיט כלות הנפש און מען הייבט אן שפירן אזוי ווי איך האב זוכה געווען אריין צו כאפן אסאך עבודת ה'...

לאמיר זען נאך איין שטיקל וואס איז א לעבעדיגע מוסטער ווי אזוי זיך צו עפענען דאס הארץ ביי רבי שמעון.

קוקנדיג אויפן הייליגן ציון איז אזוי ווי איך שמועס מיט רבי שמעון: "איך זעט דאך מיין גאנצער מהות איך ווייסט דאך בעסער פון מיר מיין חסרון און מיין תיקון. ווייל רשב"י ווייסט די מחשבות פון מענטשן, איך ווייסט מיינע וואלגערנישן און טיפענישן די מאטערניש צו קומען צו אייך און זיך אויפהאלטן ביי אייך.

און וואס זאל איך טוהן אז איך קען זיך נישט אויסגיסן מיין הארץ און מויל פאר אייך אזוי ווי עס דארף צו זיין, איך אליין ווייס נישט וואס עס פעלט מיר. דערפאר האב איך געטוהן מיינס מיטן קומען מיט מוטשעניש און מאטערניש, איך האב צוגעגרייט מיין הארץ און מיין מויל צו רעדן וואס איך וועל קענען, טוהט'ס אייך אויכעט די פליכט וואס ליגט אויף אייך מיר צו העלפן, אזוי ווי איר ווייסט די ישועה וואס איך דארף, צו ראטעווען מיין זעל, מיין רוח און נשמה צו זוכה זיין צו וואס מען דארף זוכה זיין...



צוּ **אַלֶע קִינְדֶער** וֶועלְכֶע עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס אַז זֵיי וֶועלְן זוֹכֶה זַיין דָאס יָאר צוּ פָּארְן קַיין מִירוֹן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִיךְ דֶערְמַאנֶען וִויפִּיל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעדְט אִין זַיינֶע תּוֹרוֹת אוּן מַעֲשִׂיּוֹת וֶועגְן רְצוֹנוֹת אוּן בֶּענְקֶענִישְׁן, אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ אִיד קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אַ דָּבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה, צוּם בַּיישְׁפִּיל, אַ אִינְגֶל וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָּארְן צוּ אַ צַדִּיק, אָדֶער אַ קֶבֶר פוּן אַ צַדִּיק, עֶר וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק טוּן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ אָבֶּער, יֶעצְט אוֹיף דִי מִינוּט הָאט עֶר נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת א.ד.ג אָדֶער עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט מֶעגְלִיךְ דָאס אוֹיסְ־צוּפִירְן, לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אַז מֶען זָאל כָאטְשׁ בֶּענְקְן, וֶועלְן, הָאפְן אוּן בִּיזְדֶערְוֵוייל אִיז מֶען יוֹצֵא דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה מִיט דֶעם וָואס מִיר בֶּענְקֶען דֶערְצוּ.

דֶערִיבֶּער טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דָאס יָאר וֶועלְן מִיר אַלֶע טוּן דִי עֲבוֹדָה פוּן רְצוֹנוֹת, סַיי דִי וֶועלְכֶע פָּארְן יָא אָדֶער נִישְׁט וֶועלְן מִיר אַלֶע בְּמֶשֶׁךְ דִי טֶעג רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דַאנְקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִּיק וָואס הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן דֶעם גְרוֹיסְן גֶעשְׁרֵיי אַז "כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ", אַז מִיר קִינְדֶער קֶענֶען זַיין פַארְזִיכֶערְט מִיטְן כֹּחַ פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן אַז מִיר וֶועלְן אָנְקוּמֶען צוּ אוּנְזֶער אֱמֶת'ן תַּכְלִית אוּן קֶענֶען וַוייטֶער גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן נַחַל נוֹבֵעַ.

מַעֲשֶׂה: אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ 'מֶלֶךְ' – אִיז בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ גֶעוֶוען אַ 'שִׁפְחָה', וָואס זִי הָאט בַּאדִינְט דִי 'מַלְכָּה' – (מִן־הַסְתָם קַיין 'קֶעכֶערְן' טָאר־נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען צוּם 'מֶלֶךְ' – נָאר דִי 'שִׁפְחָה' הָאט גֶעהַאט עֶפֶּעס אַ 'אַנְדֶער דִינְסְט', אַ 'קְלֵיינֶע דִינְסְט').

אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט, וָואס דִי 'מַלְכָּה' הָאט בַּאדַארְפְט הָאבְּן [גֶעבּוֹירְן] אַ קִינְד. אוּן דִי 'שִׁפְחָה', הָאט אוֹיךְ בַּאדַארְפְט צוּ גֶעוִוינֶען [גֶעבּוֹירְן] אִין דֶער [זֶעלְבֶּער] צַייט.

אִיז גֶעגַאנְגֶען דִי 'בַּאבֶּע' [הֵייבַּאם; גֶעוִוינֶערְן] – אוּן הָאט אִיבֶּערְגֶעבִּיטְן דִי קִינְדֶער – כְּדֵי זִי זָאל זֶעהְן: "וָואס דָא וֶועט זִיךְ טוּהְן, וָואס דֶערְפוּן וֶועט אַרוֹיסְוַואקְסְן"!

אוּן זִי הָאט גֶענוּמֶען דָאס קִינְד פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' – אוּן הָאט אַנִידֶערְגֶעלֵייגְט נֶעבְּן דֶער 'שִׁפְחָה' אוּן דָאס קִינְד פוּן דֶער 'שִׁפְחָה' – הָאט זִי גֶעלֵייגְט נֶעבְּן דֶער 'מַלְכָּה!

דֶערְנָאךְ הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי קִינְדֶער אוּנְטֶער־צוּ־וַואקְסְן.

אוּן דֶעם 'בֶּן־הַמֶלֶךְ' (דְהַיְינוּ: דָאס קִינְד וָואס ס'דֶערְוַואקְסְן גֶעוָוארְן בַּיים 'מֶלֶךְ' – וָואס מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז דֶער 'זוּהְן' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ'), הָאט מֶען אִים מְגַדֵל גֶעוֶוען (דְהַיְינוּ: גֶעגְרֵייסְט [עֶרְצוֹיגְן]), אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אַלֶעמָאל הֶעכֶער־הֶעכֶער – בִּיז עֶר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס גֶעוָוארְן, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער 'בֶּרְיָה'.

אוּן דֶער 'בֶּן־הַשִׁפְחָה' (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס עֶר אִיז דֶערְצוֹיגְן גֶעוָוארְן בַּיי דֶער 'שִׁפְחָה' – וָואס צוּם אֶמֶת אִיז עֶר גֶעוֶוען דֶער זוּהְן פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – אִיז אוֹיךְ דֶערְוַואקְסְן [עֶרְצוֹיגְן] גֶעוָוארְן – בַּיי דֶער 'שִׁפְחָה'.

אוּן דִי בֵּיידֶע קִינְדֶער – הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִינְאֵיינֶעם, אִין אֵיין חֵדֶר!

אוּן דֶער 'אֱמֶת'ער בֶּן־מֶלֶךְ' (וָואס עֶר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'בֶּן־הַשִׁפְחָה') – הָאט זִיךְ זַיין טֶבַע גֶעצוֹיגְן, צוּם 'נִימוּס' [אוֹיפְפִירוּנְג; מֶענְטַאלִיטֶעט] פוּן אַ 'מַלְכוּת' – נָאר עֶר אִיז מְגוּדָל [עֶרְצוֹיגְן] גֶעוָוארְן, בַּיי דֶעם 'עֶבֶד' אִין שְׁטוּבּ.

אוּן פַארְקֶערְט – דֶער 'בֶּן־הַשִׁפְחָה' (וָואס עֶר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'בֶּן־הַמֶלֶךְ') – הָאט זִיךְ זַיין טֶבַע גֶעצוֹיגְן, צוּ אַ אַנְדֶער 'נִימוּס' – נִישְׁט אַזוֹי־וִוי דֶער 'נִימוּס' פוּן אַ 'מֶלֶךְ' אִיז.

נָאר [וִוייבַּאלְד] עֶר אִיז מְגוּדָל גֶעוָוארְן בַּיי דֶעם 'מֶלֶךְ' אִין שְׁטוּבּ – הָאט עֶר זִיךְ [בְּמֵילָא] גֶעמוּזְט פִירְן, מִיט דֶעם 'נִימוּס' פוּן אַ 'מַלְכוּת' – וָוארְן [וַוייל] מְ'הָאט אִים אַזוֹי גֶעפִירְט מִיט דֶעם 'נִימוּס'.

אוּן דִי 'בַּאבֶּע' [הֵייבַּאם; גֶעוִוינֶערְן] – וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – מַחֲמַת [וִוייבַּאלְד] 'נָשִׁים דַעְתָּן קַלוֹת' (דְהַיְינוּ: 'וַוייבֶּער' הָאבְּן אַ גְרִינְגֶע 'דֵעָה'), כְּלוֹמַר: זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן – אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם 'סוֹד' פַאר אַ מֶענְטְשְׁן: "בַּאֲשֶׁר אַז זִי הָאט פַארְבִּיטְן דִי 'קִינְדֶער"!

אוּן אִיטְלֶעכֶער מֶענְטְשׁ, הָאט זִיךְ אַ 'חַבֵר' – אוּן דֶער 'חַבֵר', הָאט נָאךְ אַ 'חַבֵר' – הָאט אַזוֹי אֵיינֶער אוֹיסְגֶעזָאגְט [פַאר] דֶעם אַנְדֶערְן – בִּיז דֶער 'סוֹד' אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען – אַזוֹי־וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן דֶער וֶועלְט אִיז – בִּיז דֶער 'עוֹלָם' הָאט דֶערְפוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט שְׁטִילֶערְהֵייט: "בַּאֲשֶׁר אַז דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' אִיז פַארְבִּיטְן גֶעוָוארְן"!

לוּשְׁמִיר [נָאר] שְׁמוּעֶסְן שַׁארְף [אָפֶּענֶערְהֵייט] – קֶען

מֶען בְּוַודַאי דֶערְפוּן נִישְׁט – [כְּדֵי] דֶער 'מֶלֶךְ' זָאל נִישְׁט גֶעוָואר וֶוערְן – וָוארְן וָואס וֶועט דֶער 'מֶלֶךְ' קֶענֶען טָאן אִין אַזוֹי אַ [אַזַא] זַאךְ – וָוארְן עֶר קֶען דָאס נִישְׁט פַארֶעכְטְן – עֶר קֶען עֶס נִישְׁט גְלֵייבְּן – טָאמֶער אִיז דָאס לִיגְן [לִיגְנְט]?! – אוּן וִויאַזוֹי בַּייט מֶען וִוידֶער צוּרִיק?

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] טָאר מֶען דָאס בְּוַודַאי נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן פַאר דֶעם 'מֶלֶךְ'. נָאר דֶער 'עוֹלָם' – הָאט צְוִוישְׁן זִיךְ 'שְׁטִילֶערְהֵייט' גֶעשְׁמוּעֶסְט דֶערְפוּן.

וַיְהִי הַיּוֹם – אִיז גֶעגַאנְגֶען אֵיינֶער, אוּן הָאט אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם 'סוֹד', פַאר דֶעם 'בֶּן־מֶלֶךְ': "בַּאֲשֶׁר [אַז] מְ'זָאגְט אוֹיף אִים, אַז עֶר אִיז פַארְבִּיטְן גֶעוָוארְן! – נָאר דוּ קֶענְסְט דָאס נִישְׁט קְלֶערְן [נָאכְפָארְשְׁטְן], וָוארְן סְ'שְׁטֵייט דִיר נִישְׁט אָן [סְ'פַּאסְט דִיר נִישְׁט, צוּלִיבּ דַיין 'כָּבוֹד' וֶועגְן] – אוּן וִויאַזוֹי קְלֶערְט [פָארְשְׁט] מֶען אַזוֹי אַ [אַזַא] זַאךְ? – נָאר אִיךְ דֶערְצֵייל עֶס דִיר, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט [דָאס] וִויסְן – וָוארְן טָאמֶער וֶועט אַמָאל זַיין אַ 'בּוּנְד' אַקֶעגְן דֶער 'מְלוּכָה' – וֶועט דֶער 'בּוּנְד' דוּרְכְדֶעם קֶענֶען שְׁטַארְקֶער זַיין – וָוארְן זֵיי וֶועלְן זָאגְן [דִי וָואס מַאכְן דֶעם 'בּוּנְד']: [אַז] זֵיי נֶעמֶען זִיךְ דֶעם 'בֶּן־מֶלֶךְ' פַאר אַ 'מֶלֶךְ', דְהַיְינוּ: דֶער וָואס מְ'זָאגְט אוֹיף אִים, אַז עֶר אִיז צוּם 'אֱמֶת' דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]".

דְרוּם [דֶערִיבֶּער] בַּאדַארְפְסְטוּ זֶעהְן: צוּ פַארְטְרַאכְטְן [טְרַאכְטְן מַחֲשָׁבוֹת אוֹיף] דֶעם 'בָּחוּר [אִים אַוֶועקְצוּלֵייגְן] (אַזוֹי הָאט אַלְץ דֶער 'אֵיינֶער' גֶעזָאגְט, צוּ דֶעם 'בֶּן־הַמֶּלֶךְ' – וָואס צוּם רֶעכְטְן [רִיכְטִיגְן] אֱמֶת, אִיז עֶר דֶער 'זוּהְן' פוּן דֶער 'שִׁפְחָה', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]).

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' [דְהַיְינוּ: דֶער 'פַאלְטְשֶׁער בֶּן־מֶלֶךְ', וָואס מְ'רוּפְט אִים יֶעצְט 'מֶלֶךְ'] – אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טָאן 'שְׁפִּיצְלֶעךְ' [שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן], [פַאר] יֶענֶעמְס 'פָּאטֶער' (וָואס צוּם אֱמֶת, אִיז עֶר זִיךְ גֶעוֶוען טַאקֶע זַיין [אֵייגֶענֶער] 'פָּאטֶער') – אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַלְץ גֶעלֵייגְט [גֶעהַאלְטְן אַ אוֹיג אוֹיף אִים] אִים צוּ טָאן שְׁלֶעכְטְס תָּמִיד – אוּן עֶר הָאט אִים אַלְץ דֶערְלַאנְגְט 'שְׁפִּיצְלֶעךְ' אֵיינְס נָאךְ עֶס [דָאס] אַנְדֶערֶע – כְּדֵי עֶר זָאל מוּזְן עוֹקֵר זַיין [אַנְטְלוֹיפְן] מִיט זַיין 'זוּהְן'.

אוּן כָּל־זְמַן דֶער 'מֶלֶךְ' אַלֵיין הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט – הָאט עֶר נָאךְ פָּארְט אַזוֹי אַ [אַזַא] 'מֶמְשָׁלָה' נִישְׁט גֶעהַאט.

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט, פְּלֶעגְט עֶר אִים טָאן 'שְׁפִּיצְלֶעךְ', דֶערְנָאךְ אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' אַלְט גֶעוָוארְן, אוּן אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, הָאט 'עֶר' אָפְּגֶענוּמֶען דִי 'מְלוּכָה' [דֶער 'בֶּן־הַשִּׁפְחָה', דְהַיְינוּ: דֶער 'פַאלְטְשֶׁער בֶּן־מֶלֶךְ']!

הָאט עֶר דֶעמָאלְט נָאךְ מֶער שְׁלֶעכְטְס גֶעטָאן, צוּ יֶענֶעם 'זוּהְן'ס' 'פָּאטֶער' (דְהַיְינוּ: צוּ דֶעם 'פָּאטֶער' פוּן דֶעם 'בֶּן־הַשִּׁפְחָה' – וָואס צוּם 'אֱמֶת', אִיז עֶר גֶעוֶוען דֶער 'בֶּן־הַמֶּלֶךְ' – אוּן דֶער 'פָּאטֶער', אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען זַיין [אֵייגֶענֶער] 'פָּאטֶער' פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶענוּמֶען דִי 'מְלוּכָה' – וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ פַארְבִּיטְן גֶעוָוארְן, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]). אוּן עֶר הָאט גֶעטָאן אִים שְׁלֶעכְטְס 'פַארְשְׁטֶעלְט' [מִיט אַ 'חָכְמָה'], [אוֹיף אַ וֶועג אַז] מֶען זָאל נִישְׁט וִויסְן אַז סְ'אִיז פוּן אִים – וָוארְן סְ'אִיז נִישְׁט שֵׁיין פַאר לַייט [מֶענְטְשְׁן].

אוּן [עֶר] הָאט אִים דֶערְלַאנְגְט אַלֶעמָאל 'שְׁפִּיצְלֶעךְ' – אֵיינְס נָאךְ עֶס [דָאס] אַנְדֶערֶע!

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די עלוועטע מעשה - דער בן מלך ובן שפחה שנתחלפו (1)

**א.** שאלה בונוס: **ווען האט דער הייליגער רבי דערציילט די מעשה וואס מיר הייבן יעצט אן?**
- ❑ נאך פורים יאר תקס"ט
- ❑ פאר פורים יאר תקס"ט
- ❑ מוצש"ק פרשת נח יאר תקע"ע

(זעה חיי מוהר"ן אות ס"א)

**ב.** **ווער האט פארביטן די קינדער?**
- ❑ עפעס א דינסט
- ❑ די דינסט וואס האט געבוירן
- ❑ די באבע (הייבאם)

**ג.** **צו וועלכע נימוס האט געצויגן די טבע פון אמת'ן בן המלך?**
- ❑ צו א נימוס פון מלכות
- ❑ צו א נימוס פון קנעכט
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ד.** **צו וועלכע נימוס האט געצויגן די טבע פון אמת'ן בן השפחה?**
- ❑ צו א נימוס פון מלכות
- ❑ צו א נימוס פון קנעכט
- ❑ צו א אנדערע נימוס

**ה.** **ווער האט אויסגעזאגט די סוד אז די קינדער זענען פארביטן?**
- ❑ די באדינער פון קעניג
- ❑ די דינסט
- ❑ די באבע (הייבאם)

**ו.** **ווי אזוי איז ארויס די סוד איוף דער וועלט?**
- ❑ מ'האט עס מפרסם געווען אין די צייטונגען
- ❑ איינער האט געזאגט פאר'ן אנדערן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז.** **פארוואס טאר דער מלך נישט געוואר ווערן אז מ'האט פארביטן?**
- ❑ ווייל ער קען שטארבן פון צער
- ❑ ווייל דער קעניג וועט באשטראפן דער וואס האט זיי פארביטן
- ❑ ווייל ער קען דאס נישט פארריכטן

**ח.** **פארוועם האט דער בן המלך געטאן שפיצלעך?**
- ❑ פאר'ן אמת'ן בן המלך
- ❑ פאר דער טאטע פון אמת'ן בן השפחה
- ❑ פאר די שפחה

**ט.** **ווער האט איבער גענומען די מלוכה נאכדעם וואס דער קעניג איז געשטארבן?**
- ❑ דער אמת'ער בן המלך
- ❑ דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ א זון פון א אנדערער קעניג

**י.** **ווער האט דערציילט פאר'ן אמת'ן בן המלך די גאנצע מעשה?**
- ❑ דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ די שפחה
- ❑ דער טאטע פון אמת'ער בן השפחה

**יא.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק

### טיפער געדאנק



אויף וועמען זאגט דער רבי אין די מעשה און ביי מעשה י' אז ער איז געווען א "בְּרְיָה"?

תשובות פון פאריגע וואך: צום סוף: וואס האט דער אלטער קיסר נישט געהאט - און פארוואס? דערנאך האט אויך דער אלטער קיסר קיין גדולה ניט גיהאט ווארין סע איז אלץ איבער אים גיווען

און וואס האט דער בערגיר געהאט? דער בערגער האט גיהאט גרויס גדולה ער איז דעם קיסר'ס פאטער

וואס ער איז דער עיקר. ווער איז צום סוף געווארן דער קיסר ? דער זון פונעם בערגיר - (ער איז דעם קיסר'ס פאטער)

**דער געווינער פון בערגער ועני #10 איז: הילד החשוב נתן צציק בית שמש. ** 7780**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

גֶעוֶוען אַמָאל אַ דָאקְטֶער וָואס אִיז קְרַאנְק גֶעוֶוארְן, עֶר הָאט קַיין צְוֵויי בְּרֵירוֹת נִישְׁט גֶעהַאט נָאר זִיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּ גָאר אַ גְרוֹיסְן דָאקְטֶער זָאל אִים בַּאהַאנְדְלֶען.

בִּשְׁעַת עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ בַּיים גְרוֹיסְן דָאקְטֶער, הֵייבְּט אָן דֶער פָּשׁוּטֶ'ער דָאקְטֶער זָאגְן אוּן עֵצָה'נֶען וֶועגְן פַאְרשִׁידֶענֶע הֵיילוּנְגְס מִיטְלֶען וָואס עֶר הַאלְט אַז עֶס קֶען אִים הֵיילְן, צוּם בַּיישְׁפִּיל, עֶר זָאגְט פַאר גְרוֹיסְן דָאקְטֶער: "אִיךְ ווִיל מֶען זָאל מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ צָאן אוּן אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, דָאס וֶועט זִיכֶער צוּבְּרֶענְגֶען מַיין רְפוּאָה!".

מִיר פַאְרשְׁטֵייעֶן אַלֵיין אַז דֶער גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער וֵייסְט פוּן אַסַאךְ בֶּעסֶערֶע אוּן מֶער חָשׁוּבֶ'ע מֶעדֶעצִינֶען צוּ שְׁרַייבְּן פַאר דֶעם קְלֵיינֶעם דָאקְטֶער עֶר זָאל גֶענְצְלִיךְ וֶוערְן אוֹיסְגֶעהַיילְט.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ גֶעשֶׁעט אַמָאל אַז אַ אִיד – אַ תַּלְמִיד חָכָם, קוּמְט צוּם צַדִּיק-הַדּוֹר - דֶער גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער וֶועלְכֶער הֵיילְט אַלֶע קְרַאנְקֶע נְפָשׁוֹת, אוּן דֶער אִיד ווִיל אַז דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק זָאל אִים גֶעבְּן מֶעדֶעצִינֶען,

# דֶער גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער

דָאס מֵיינְט הַנְהָגוֹת אוּן עֵצוֹת ווִי אַזוֹי דֶער תַּלְמִיד חָכָם פַאְרשְׁטֵייט, אָבֶּער צוּם אֱמֶת הָאט דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק גָאר גְלַייכֶע אוּן ווִירְקְזַאמֶע הֵיילוּנְגְס מִיטְלֶען ווִיאַזוֹי עֶר פִּירְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן בִּיז וֶוערְן פוּלְקָאם גֶעזוּנְט.

צוּרִיק צוּם מָשָׁל, דֶער דָאקְטֶער מוּז אַמָאל גֶעבְּן פַארְן קְרַאנְקְן אַ שְׁוֶוערֶע מֶעדֶעצִין, וָואס אוֹיבּ וֶועט עֶר גֶעבְּן דִי שַׁארְפֶע מֶעדֶעצִין אַלֵיין אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אוּן גֵייט וֶועט דֶער חוֹלֶה זִיכֶער שְׁטַארְבְּן דֶערְפוּן, דֶערְפַאר מוּז עֶר דָאס אוֹיסְמִישְׁן מִיט פַאְרשִׁידֶענֶע הֵייל-מִיטְלֶען עֶס זָאל אִים פַארְגְרִינְגֶערְן צוּ אַיינְנֶעמֶען דִי שַׁארְפֶע רְפוּאוֹת.

עֶס זֶענֶען פַארְהַאן אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְן פְּנִימִיּוֹת [טִיפֶערֶע] הַתּוֹרָה וָואס זֵיי דַארְפְן זֵייעֶר ווִיכְטִיג בַּאקוּמֶען צוּ הֵיילְן זֵייעֶר נֶפֶשׁ, וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז ווִי בַּאווּאוּסְט אַ רְפוּאָה ווִי מִיר זֶעעֶן אִין פָּסוּק רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶּךָ (משלי ג, ח). ווִידֶערְאוּם דִי תּוֹרָה פַארְמָאגְט אִין זִיךְ צְוֵויי כּוֹחוֹת, סַם חַיִּים – אַ מֶעדֶעצִין צוּם לֶעבְּן אוּן סַם מָוֶת אַ מֶעדֶעצִין פוּן טוֹיט חַס וְשָׁלוֹם, ווִי חֲזַ"ל זָאגְן אוּנְז (יומא עב:) זָכָה - נַעֲשָׂה לוֹ סַם-חַיִּים, לֹא זָכָה – נַעֲשָׂה לוֹ סַם-מָוֶת. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוערְט דִי תּוֹרָה אַ מֶעדֶעצִין צוּם לֶעבְּן אוֹיבּ חַס

המשך אויף זייט 2 <<<




# מזל-טוב לכבוד חתני האלאקע

בזכות התנא האלוקי רבן שמעון בן יוחאי יזכו לילך בדרכיו הק' ושלא תשתכך התורה מפיהם ומפי זרעם עד עולם.

נתנדב ע"י
הר"ר נחמן מארקוס נ"י
הר"ר שמואל בנימין שטערן נ"י
הר"ר דוד לייב ברוין נ"י
הר"ר חיים בלוי נ"י
הר"ר דוד קיפניס נ"י
הר"ר צבי אורלנציק נ"י
הר"ר נתן יוסף אייזנבאך נ"י
הר"ר יוסף ברוין נ"י

מזל טוב להר"ר אליהו קנעפלער הי"ו
לרגל אירוסי הבת למזל טוב